FAIR FARES NYC



# אפט געפרעגטע פראגעס
# (Yiddish)

## וועגן די פראגראם

1. וואס איז Fair Fares NYC? ..... 4
2. טוט Fair Fares NYC (FFNYC) זיך טוישן פון MetroCard צו א One Metro New York Card (OMNY)? ..... 4
3. דארף איך טוישן מיין FFNYC דיסקאונט צו OMNY? ..... 4
4. קען איך אריבערפירן געלט פון MetroCard צו א OMNY קארטל? ..... 5
5. וויאזוי ארבעט די Fair Fares NYC דיסקאונט? ..... 5

## בארעכטיגקייט

6. ווער איז בארעכטיגט צו אנטיילנעמען? ..... 6
7. איך טו יעצט אנטיילנעמען אין די MTA Reduced-Fare פראגראם. בין איך בארעכטיגט פאר די Fair Fares NYC דיסקאונט? ..... 6
8. טוט מיין אימיגראציע סטאטוס אפעקטירן מיין מעגליכקייט צו אנטיילנעמען אין Fair Fares NYC? ..... 6

## זיך איינגעבן און באקומען אייער Fair Fares NYC דיסקאונט

9. וויאזוי קען איך זיך איינגעבן פאר א Fair Fares NYC דיסקאונט? ..... 6
10. וויאזוי קען איך וויסן אויב מיין אפליקאציע איז באשטעטיגט? ..... 7
11. פאר ווי לאנג קען איך אנטיילנעמען אין די Fair Fares NYC פראגראם? ..... 7
12. ווען וועל איך באקומען מיין Fair Fares NYC OMNY קארטל? ..... 7
13. איך בין געווארן באשטעטיגט פאר א Fair Fares NYC OMNY קארטל אבער עס נישט באקומען איו די פאסט. וואס זאל איך טון? ..... 7
14. איך האב פראבלעמען מיט די nyc.gov/accessfairfares וועבסייט. וויאזוי קען איך באקומען הילף? ..... 7
15. איך דארף הילף מיט אויספולן די Fair Fares NYC אפליקאציע. ווער קען מיר העלפן? ..... 7
16. איך באקום מיין פאסט ביי א P.O. קעסטל. וויאזוי קען איך באקומען מיין Fair Fares OMNY קארטל? ..... 8
17. וויאזוי קען איך אפדעיט'ען מיין פאסט אדרעס? ..... 8
18. מיין Fair Fares אפליקאציע איז אפגעזאגט געווארן. וואו קען איך באקומען נאך אינפארמאציע? ..... 8

## וויאזוי אריינצוגעבן אפליקאציע דאקומענטן און אנדערע פארבינדענע פראגעס


19. וועלכע דאקומענטן וועל איך דארפן צו באשטעטיגן מיין עלטער, מיין וואוינונג אין NYC און מיין איינקונפט? .... 8

20. וויאזוי געב איך אריין דאקומענטן פאר מיין אפליקאציע? .... 8

21. איך האב פראבירט אריינצוגעבן מיינע דאקומענטן, אבער עס האט נישט געארבעט. וויאזוי קען איך באקומען הילף? .... 8

22. וויאזוי קען איך וויסן אויב איר האט באקומען מיינע דאקומענטן? .... 9

23. איז דא א דעדליין אויף אריינצוגעבן מיינע דאקומענטן? .... 9

24. וואס פאסירט אויב איך געב נישט אריין מיינע דאקומענטן באצייטנס? .... 9


## נוצן אייער Fair Fares NYC OMNY קארטל


25. וואו קען איך טרעפן מיין Fair Fares OMNY קארטל נומער? .... 9

26. וואס איז די OMNY קארטל טראנזיט אקאונט נומער און וואו קען איך עס טרעפן? .... 9

27. קען מיין פאמיליע מיטגליד אדער פריינד נוצן מיין Fair Fares NYC OMNY Card (FFOC)? .... 9

28. קען איך נוצן מיין Fair Fares OMNY Card (FFOC) אויף אלע NYC פובליק טראנספארטאציע סיסטעמען? .... 10

29. וויאזוי לייג איך צו געלט צו מיין Fair Fares NYC OMNY Card (FFOC)? .... 10

30. באקום איך די רייזע קאסטן באגרעניצונג מיט מיין Fair Fares NYC OMNY Card (FFOC)? .... 10

31. זאל איך עפענען אן OMNY אקאונט? .... 11

32. וואס זאל איך טון אין פאל וואס עס איז גענומען געווארן פון מיר די פולע רייזע-פרייז אנשטאט די דיסקאונט-רייזע-פרייז? .... 11

33. ווען זאל איך רופן אויב איך האב א פראגע וועגן א באצאלונג אויף מיין OMNY קארטל (אויסער וועגן גענומען ווערן די פולע רייזע-פרייז)? .... 11


## פארלירן בארעכטיגקייט


34. איך האב באקומען א מעלדונג אז מיין איינשרייבונג ענדיגט זיך ווייל איך בין מער נישט בארעכטיגט. איך האלט אז עס איז געווען א גרייז. מיט וועם קען איך רעדן? .... 11

35. ווי לאנג דארף איך פארלאנגען א איבערזיכט פון מיין בארעכטיגקייט באשטימונג? .... 12

36. וואס פאסירט אויב איך באקום א מעלדונג אז מיין Fair Fares NYC דיסקאונט וועט זיך ענדיגן צוליב אומריכטיגע באנוץ אדער אומגעזעצליכע אקטיוויטעט? .... 12


## פארלוירענע אדער גע'גנב'טע קארטלעך


37. וויפיל מאל קען איך ערזעצן מיין פארלוירענע אדער גע'גנב'טע Fair Fares NYC OMNY קארטל? .... 12

38. וואס זאל איך טון אויב מיין FFNYC OMNY קארטל ווערטפארלוירן, גע'גנב'עט אדער געשעדיגט? .... 12

39. וויאזוי פיר איך אריבער מיין געלט צו מיין נייע קארטל? .... 13

## באנייאונג

40. ווי אפט דארף איך באנייען מיין Fair Fares NYC איינשרייבונג?.................................................... 13
41. וויאזוי קען איך באנייען מיין Fair Fares NYC איינשרייבונג? ........................................................ 13
42. וועל איך ווערן געמאלדן ווען איך דארף באנייען?........................................................................ 13
43. איז דא א דעדליין פאר באנייען?...................................................................................... 13
44. וואס פאסירט אויב איך פארפאס די דעדליין פאר באנייען? ................................................................ 14
45. וויאזוי ווייס איך אויב איך בין נאך אלס בארעכטיגט פאר Fair Fares NYC? ................................ 14
46. וויאזוי קען איך אפדעיט'ען מיין אדרעס, אדער סיי וועלכע אנדערע אינפארמאציע וואס האט זיך געטוישט אין די לעצטע יאר?.................................................................................................. 14
47. וואס איז אויב מיין נייע אדרעס איז נישט אין ניו יארק סיטי? ........................................................... 14
48. וועלכע דאקומענטן דארף איך ארייַנגעבן מיט מיין באנייאונג אפליקאציע?........................................ 14
49. וועל איך באקומען א נייע Fair Fares NYC OMNY קארטל ווען איך באניי?.................................... 14
50. וועל איך קענען ווייטער נוצן מיין יעצטיגע Fair Fares NYC דיסקאונט איינמאל מיין באנייאונג אפליקאציע ווערט באשטעטיגט?................................................................................................ 15

## אויסגעלאפענע קארטלעך

51. וויאזוי קען איך וויסן ווען מיין Fair Fares NYC OMNY קארטל לויפט אויס? .................................. 15
52. וואס פאסירט אויב מיין Fair Fares NYC OMNY קארטל וועט אפלויפן אין ווייניגער ווי 30 טעג?... 15
53. קען איך נוצן אן אויסגעלאפענע Fair Fares OMNY קארטל ווען עס איז נאך דא געלט אויף דעם?.. 15

## וועגן די פראגראם

### 1. וואס איז Fair Fares NYC?

Fair Fares NYC איז א סיטי פראגראם וואס העלפט ניו יארקער מיט נידריגע איינקונפטן צו זיך ספראווען מיט זייער טראנספארטאציע קאסטן. דורך נוצן Fair Fares NYC, באקומען בארעכטיגטע ניו יארק סיטי איינוואוינער א 50% דיסקאונט אויף די סאבוועי און בארעכטיגטע באס רייזע-פרייזן, אדער 50% אראפ פון Access-A-Ride Paratransit רייזעס.

[גייט צוריק ארויף]

### 2. טוט Fair Fares NYC (FFNYC) זיך טוישן פון MetroCard צו א One Metro New York, (OMNY) קארטל?

יא. FFNYC געבט מער נישט ארויס Fair Fares MetroCards (FFMs). אויב איר האט א FFM, קענט איר דאס נוצן ביז איינע פון די פאלגענדע פאסירט (וועלכע פאסירט ערשט):

a) די קארטל לויפט אויס (די אויסלויף דאטום איז אויף די אונטערשטע זייט פונעם קארטל);
b) די קארטל ארבעט מער נישט;
c) די קארטל ווערט אפגעשטעלט; <u>אדער</u>
d) איר זענט מער נישט איינגעשריבן אין די Fair Fares פראגראם.

איר וועט באקומען אייער OMNY קארטל אין איינע פון די וועגן:

- ווען איר באנייט אייער FFNYC איינשרייבונג, וועלן מיר אייך שיקן א Fair Fares NYC OMNY Card (FFOC).
- אויב איר באריכט אייער MetroCard אלס פארלוירן, גע'גנב'עט, אדער געשעדיגט, וועט FFNYC עס ערזעצן מיט אן OMNY קארטל.
- איר קענט טוישן פון MetroCard צו OMNY סיי ווען אויף ACCESS HRA.

[גייט צוריק ארויף]

### 3. דארף איך טוישן מיין FFNYC דיסקאונט צו OMNY?

יא. OMNY איז די נייע באצאלונג מיטל און וועט ערזעצן MetroCard. איר וועט דארפן נוצן OMNY צו רייזן אויף NYC Transit סאבוועיס און לאקאלע, באגרעניצטע און Select Bus Service (SBS) באסעס, Staten Island Railway, די Roosevelt Island Tram, און Hudson Rail Link באס סערוויס.

### 4. קען איך אריבערפירן געלט פון MetroCard צו א OMNY קארטל?

ניין. איר קענט נישט אריבערפירן געלט פון אייער FFM צו אייער FFOC. פונדעסטוועגן, אלע געלט אויף אייער FFM וועט בלייבן גרייט פאר אייך און קען גענוצט ווערן צו רייזן אויף סאבוועיס און לאקאלע, באגרעניצטע און (SBS) Select Bus Service באסעס, די Staten Island Railway, די Roosevelt Island Tram, און Hudson Rail Link באס סערוויס.

איר דארפט נוצן די פארבליבענע געלט אויף אייער MetroCard איידער די קארטל לויפט אויס אדער ווערט צוריקגערופן. סווייפ'ט אדער לייגט אריין אייער MetroCard אזוי ווי איר טוט היינט. איר קענט נישט אריבערפירן געלט פון א פולע רייזע-פרייז MetroCard אדער א פולע-רייזע-פרייז OMNY קארטל צו א FFM אדער FFOC.

[גייט צוריק ארויף]()

### 5. וויאזוי ארבעט די Fair Fares NYC דיסקאונט?

Fair Fares NYC געבט אייך א 50% דיסקאונט אויף סאבוועי, בארעכטיגטע באסעס אדער Access-A-Ride רייזע-פרייזן.

- **<u>סאבוועיס און באסעס</u>**
  מיט אייער Fair Fares NYC OMNY Card (FFOC), קענט איר פארן אויף די סאבוועי און בארעכטיגטע באסעס פאר האלב די פרייז!

  אויב איר זענט בארעכטיגט פאר Fair Fares NYC און איר וועלט אויס די סאבוועי און באס דיסקאונט, וועט די סיטי אייך געבן אן FFOC. די קארטל וועט נישט האבן קיין געלט אויף עס. איר קענט נישט נוצן אייער FFOC איידער איר לייגט ארויף געלט אויף עס.

  פאלגענד זענען עטליכע וועגן וויאזוי איר קענט צולייגן געלט צו אייער FFOC:
  - אין א סאבוועי סטאנציע נוצנדיג אן OMNY ווענדינג מאשין (טאפט אייער קארטל אויף די סקרין צו אנפאנגען).
  - א געשעפט, אפטייק אדער טשעק קעשינג לאקאציע אין אייער געגנט (באזוכט omny.info/retail צו טרעפן איינס נעבן אייך).
  - אנליין אדער דורכ'ן טעלעפאן מיט אן OMNY אקאונט. עפנט א אומזיסטע אקאונט אויף omny.info/register אדער רופט 877-789-6669.

  ווען איר לייגט צו געלט צו אייער FFOC און טאפט די OMNY מאשין אויפ'ן באס אדער סאבוועי וועט עס אראפנעמען האלב פון די יעצטיגע רייזע-פרייז. יעדע מאל וואס איר טאפט אייער קארטל, וועט איר נאר ווערן גערעכנט האלב פון די יעצטיגע פרייז פאר אן איינציגע רייזע. יענע האלבע-רייזע-פרייז ווערט אראפגענומען פון אייער באלאנס.

- **<u>Access-A-Ride</u>**
  Access-A-Ride (AAR) קאסטומערס נוצן נישט קיין Fair Fares OMNY קארטל. זייער דיסקאונט ווערט אראפגערעכנט אויטאמאטיש! AAR קארטלעך ווערן ארויסגעשיקט דורך די מעטראפאליטאן טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA). אויב האט איר סיי וועלכע פראגעס וועגן AAR, באזוכט זייער וועבסייט אויף [https://new.mta.info/accessibility/access-a-ride](https://new.mta.info/accessibility/access-a-ride) אדער רופט 877-337-2017.

[גייט צוריק ארויף]()

## <u>בארעכטיגקייט</u>

**6. ווער איז בארעכטיגט צו אנטיילנעמען?**

ניו יארק סיטי (New York City, NYC) איינוואוינער קענען זיין בארעכטיגט פאר Fair Fares NYC אויב זיי:

- זענען 18 ביז 64 יאר אלט.
- זענען אין א הויזגעזינד וואס קומט נאך די איינקונפט פארשריפטן פאר די Fair Fares NYC פראגראם.
- באקומען נישט די גאנצע געלט פארן קאר פון די דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס\יומען ריסורסעס אדמיניסטראציע ( Department of Social Services, DSS/Human Resources Administration, HRA) אדער סיי וועלכע אנדערע NYC אגענטור; און,
- אויב זיי וועלן אויס די Fair Fares NYC סאבוועי און באס דיסקאונט, זענען זיי אצינד נישט בארעכטיגט פאר, אדער אנטיילצונעמען אין, סיי וועלכע אנדערע טראנספארטאציע דיסקאונט פראגראם.

[גייט צוריק ארויף](#)

**7. איך טוט יעצט אנטיילנעמען אין די MTA Reduced-Fare פראגראם. בין איך בארעכטיגט פאר די Fair Fares NYC דיסקאונט?**

ניין. אויב זענט איר אין די MTA Reduced-Fare פראגראם, קענט איר נוצן די דיסקאונט דורך די MTA Reduced Fare פראגראם אויף סאבוועיס און באסעס. אויב זענט איר א AAR קאסטומער, קענט איר זיך איינגעבן פאר די FFNYC דיסקאונט צו נוצן בלויז אויף AAR.

איר קענט לערנען וועגן די MTA'ס אנדערע דיסקאונט פראגראמען אויף https://mta.info/reduced-fare.

[גייט צוריק ארויף](#)

**8. טוט מיין אימיגראציע סטאטוס אפעקטירן מיין מעגליכקייט צו אנטיילנעמען אין Fair Fares NYC?**

ניין. Fair Fares NYC פרעגט נישט איבער אייער אימיגראציע סטאטוס.

[גייט צוריק ארויף](#)

## <u>זיך איינגעבן און באקומען אייער Fair Fares NYC דיסקאונט</u>

9. וויאזוי קען איך זיך איינגעבן פאר א Fair Fares NYC דיסקאונט?

אלע NYC איינוואוינער קענען זיך איינגעבן פאר א Fair Fares NYC דיסקאונט. באזוכט nyc.gov/accessfairfares צו לערנען מער און זיך איינגעבן.

איר וועט מעגליך ווערן געבעטן צו צושטעלן פערזענליכע אינפארמאציע וועגן אייער:

- אידענטיטעט
- וואוינארט, און
- איינקונפט

איר וועט מעגליך דארפן אריינגעבן דאקומענטן. ביטע גייט צו nyc.gov/site/fairfares/faq/faq.page צו זען די Fair Fares NYC פארגעשלאגענע דאקומענט ליסטע.

[גייט צוריק ארויף](#)

**10. וויאזוי קען איך וויסן אויב מיין אפליקאציע איז באשטעטיגט?**

איינמאל איר געבט אריין אייער אפליקאציע און אפלאוד'ט אלע פארלאנגטע דאקומענטן, ביטע געבט אונז ביז 30 טעג צו איבערקוקן אייער אפליקאציע. איר קענט אריינ'לאג'ן צו אייער אקאונט צו נאכקוקן די סטאטוס פון אייער אפליקאציע אויף nyc.gov/accessfairfares. איר וועט געמאלדן ווערן דורכ'ן אימעיל איינמאל אייער אפליקאציע איז געווארן איבערגעקוקט.

גייט צוריק ארויף

**11. פאר ווי לאנג קען איך אנטיילנעמען אין די Fair Fares NYC פראגראם?**

איר בלייבט בארעכטיגט פאר איין יאר פונעם דאטום וואס אייער אפליקאציע ווערט באשטעטיגט אויב איר בלייבט ווייטער בארעכטיגט.

גייט צוריק ארויף

**12. ווען וועל איך באקומען מיין Fair Fares NYC OMNY קארטל?**

איינמאל אייער אפליקאציע ווערט באשטעטיגט, ביטע ערלויבט 2 ביז 3 וואכן פאר דעליווערי פון אייער Fair Fares NYC OMNY קארטל. די קארטל ווערט געשיקט מיט די פאסט דורך די פאראייניגטע שטאטן פאוסטעל סערוויס (USPS). אויב איר האט אויסגעוועלט א Access-A-Ride דיסקאונט, וועט איר נישט באקומען אן OMNY קארטל. אנשטאט דעם, וועט איר באקומען אייער Access-A-Ride OMNY ID קארטל פון די MTA.

גייט צוריק ארויף

**13. איך בין געווארן באשטעטיגט פאר א Fair Fares NYC OMNY קארטל אבער עס נישט באקומען אין די פאסט. וואס זאל איך טון?**

אויב איז שוין אריבער מער ווי 3 וואכן זייט איר זענט געווארן באשטעטיגט, און איר האט נישט באקומען אייער Fair Fares NYC OMNY קארטל, ביטע רופט **311** אדער באריכט אייער קארטל אלץ 'קיינמאל נישט באקומען' אויף Access HRA.

גייט צוריק ארויף

**14. איך האב פראבלעמען מיט די nyc.gov/accessfairfares וועבסייט. וויאזוי קען איך באקומען הילף?**

אויב איר האט טעכנישע פראבלעמען מיט nyc.gov/accessfairfares, ביטע אימעיל'ט AccessHRAhelpdesk@hra.nyc.gov אדער רופט **311** פאר הילף.

גייט צוריק ארויף

**15. איך דארף הילף מיט אויספולן די Fair Fares NYC אפליקאציע. ווער קען מיר העלפן?**

באזוכט איינע פון די Fair Fares NYC לאקאציעס און די שטאב וועט אייך העלפן מיט אייער אפליקאציע. באזוכט nyc.gov/fairfares און קליקט אויף 'פארבינדט זיך מיט אונז' ('Contact US') פאר א ליסטע פון Fair Fares NYC לאקאציעס. איר קענט אויך רופן **311** פאר מער אינפארמאציע.

גייט צוריק ארויף

**16. איך באקום מיין פאסט ביי א .P.O קעסטל. וויאזוי קען איך באקומען מיין Fair Fares OMNY קארטל?**

אויב אייער אפליקאציע אדער באנייאונג איז באשטעטיגט, וועלן מיר שיקן אייער Fair Fares NYC OMNY קארטל צו א .P.O קעסטל אינערהאלב די פינף בארא'ס פון NYC.

[גייט צוריק ארויף]

**17. וויאזוי קען איך אפדעיט'ן מיין פאסט אדרעס?**

ביטע באזוכט nyc.gov/accessfairfaresצו אפדעיט'ן אייער פאסט אדרעס.

[גייט צוריק ארויף]

**18. מיין Fair Fares אפליקאציע איז אפגעזאגט געווארן. וויאזוי קען איך באקומען מער אינפארמאציע?**

אייער אפליקאציע קען ווערן אפגעזאגט אויב איר קומט נישט נאך די בארעכטיגקייט פאדערונגען. איר קענט באזוכן nyc.gov/accessfairfares צו זען די סיבה פאר'ן אפזאג.

די מעלדונג וואס איר האט באקומען ערקלערט פארוואס איר זענט נישט בארעכטיגט פאר Fair Fares NYC. אויב האלט איר אז מיר האבן געמאכט א גרייז, ביטע באזוכט א office Fair Fares NYC, אדער רופט **311** צו בעטן אן איבערזיכט פון אייער אפליקאציע.

[גייט צוריק ארויף]

**וויאזוי אריינצוגעבן אפליקאציע דאקומענטן און אנדערע פארבינדענע פראגעס**

**19. וועלכע דאקומענטן וועל איך דארפן צו באשטעטיגן מיין עלטער, מיין וואוינונג אין NYC און מיין איינקונפט?**

ביטע קוקט איבער די Fair Fares NYC פארגעשלאגענע דאקומענט ליסטע אויף nyc.gov/site/fairfares/faq/faq.page

[גייט צוריק ארויף]

**20. וויאזוי געב איך אריין דאקומענטן פאר מיין אפליקאציע?**

נוצט די ACCESS HRA מאבייל עפפ צו אפלאוד'ן דאקומענטן פאר Fair Fares NYC. גייט צו nyc.gov/ffdocs צו דאונלאוד'ן די ACCESS HRA עפפ, לאג'ט אריין צו אייער אקאונט, און געבט אריין אייערע דאקומענטן. אויב קענט איר נישט נוצן די מאבייל עפפ, קענט איר קומען צו א Fair Fares NYC אפיס לאקאציע און באקומען הילף.

[גייט צוריק ארויף]

**21. איך האב פראבירט אריינצוגעבן מיינע דאקומענטן, אבער עס האט נישט געארבעט. וויאזוי קען איך באקומען הילף?**

פראבירט צו ארויס'לאג'ן פון אייער אקאונט און דאן צוריק אריינ'לאג'ן. עס קען נעמען ביז 15 מינוט פאר די דאקומענטן צו ערשיינען. אויב האט איר נאכאלץ פראבלעמען, קענט איר קומען צו א Fair Fares NYC אפיס צו באקומען הילף.

[גייט צוריק ארויף]

**.22 וויאזוי קען איך וויסן אויב איר האט באקומען מיין דאקומענטן?**

Fair Fares וועט אייך שיקן א טעקסט מעסעדזש אויב אייער אפליקאציע איז נישט אויסגעפולט. איר קענט אויך צוריק ארייַנ'לאג'ן אין אייער אקאונט אויף nyc.gov/accessfairfares צו נאכקוקן וועלכע דאקומענטן זענען נאכאלץ נויטיג און אייער דעדליין אריינצוגעבן.

גייט צוריק ארויף

**.23 איז דא א דעדליין אויף אריינצוגעבן מיינע דאקומענטן?**

יא. איר האט 10 טעג אריינצוגעבן אייער דאקומענטן נאך וואס איר האט אריינגעגעבן אייער אפליקאציע. לאג'ט אריין צו אייער אקאונט אויף nyc.gov/accessfairfares צו נאכקוקן די סטאטוס פון אייער אפליקאציע און זען וויפיל צייט איר האט נאך אריינצוגעבן אייערע דאקומענטן.

גייט צוריק ארויף

**.24 וואס פאסירט אויב איך געב נישט אריין מיינע דאקומענטן באצייטנס?**

אויב מיר באקומען נישט אייער דאקומענטן באצייטנס, וועט איר דארפן אריינגעבן א נייע אפליקאציע.

גייט צוריק ארויף

## <u>נוצן אייער Fair Fares NYC OMNY קארטל</u>

**.25 וואו קען איך טרעפן מיין Fair Fares OMNY קארטל נומער?**

די 18-ציפערן קארטל נומער קען געפינען ווערן אויף די פארקערטע זייט פון אייער OMNY קארטל. איר זאלט האלטן א רעקארד פון דעם נומער.

גייט צוריק ארויף

**.26 וואס איז די OMNY קארטל טראנזיט אקאונט נומער און ווי קען איך עס טרעפן?**

די טראנזיט אקאונט נומער איז פארבינדן צו אלע אקטיוויטעטן אויף אייער OMNY אקאונט. איר וועט מעגליך דארפן געבן דעם נומער צו OMNY קאסטומער סערוויס אויב איר דארפט הילף. איר קענט טרעפן אייער טראנזיט אקאונט נומער אין אייער OMNY אקאונט נאך וואס איר לייגט צו אייער Fair Fares קארטל צו אייער אקאונט אין Access HRA, אדער דורך רופן **311**.

גייט צוריק ארויף

**.27 קען מיין פאמיליע מיטגליד אדער פריינד נוצן מיין Fair Fares NYC OMNY קארטל (FFOC)?**

ניין. אייער FFOC איז <u>בלויז</u> פאר אייער פערזענליכע באנוץ. איר קענט נישט מיטטיילן אייער FFOC קארטל מיט פאמיליע מיטגלידער אדער פריינד. איר קענט נישט פארקויפן די קארטל אדער רייזע באצאלונגען מיט'ן קארטל פאר קיינעם. איר קענט נישט אויסבארגן די קארטל פאר קיינעם. פארלעצן דעם געזעץ ווערט גערעכנט אלץ קארטל אומריכטיגע אדער אומגעזעצליכע באנוץ און וועט פאראורזאכן אין א 60-טעג סוספענשאן פון אייער FFOC. אויב איר פארלעצט נאכאמאל די געזעץ, וועט איר אויף אייביג ווערן ארויסגעשטעלט פונעם Fair Fares NYC Program.

גייט צוריק ארויף

### 28. קען איך נוצן מיין Fair Fares OMNY Card (FFOC) אויף אלע NYC פובליק טראנספארטאציע סיסטעמען?

איר קענט נוצן אייער FFOC אויף ניו יארק סיטי סאבוועיס און לאקאלע באסעס, ווי אויך אויף די Staten Island Railway, Roosevelt Island Tram, און Hudson Rail Link, און איר וועט באצאלן האלב-פרייז.

ווען OMNY ווערט אוועילעבל אויף Westchester Bee-Line און Nassau Inter-County Express (NICE) באסעס, וועט איר אויך קענען נוצן אייער FFOC אויף די סערוויסעס, פאר האלב-פרייז. פונדעסטוועגן, ביטע באמערקט אז כאטש איר קענט אויך נוצן אייער FFOC צו באצאלן פאר אייער רייזע אויף אן עקספרעס באס, Long Island Railroad, Metro North Railroad, PATH און די JFK עיר-טרעין, וועט מען אייך רעכענען די פולע-פרייז.

גייט צוריק ארויף

### 29. וויאזוי לייג איך צו געלט צו מיין Fair Fares NYC OMNY Card (FFOC)?

פאלגענד איז וויאזוי איר קענט צולייגן געלט צו אייער FFOC איינמאל איר באקומט עס:

- ביי יעדע OMNY קארטל ווענדינג מאשין פלאצירט אין NYC Transit סאבוועי סטאנציעס.
- ביי אנטיילנעמענדע ריטעיל געשעפטן לענגאויס די סיטי. פאר OMNY ריטעיל לאקאציעס, ביטע באזוכט https://omny.info/retail-locations.
- דורך רופן OMNY קאסטומער סערוויס אויף **877-789-6669**.
- אנליין דורך אייער רעגיסטרירטע OMNY אקאונט (https://omny.info/register). איר קענט אויך אנשטעלן אוטאמאטישע באצאלונגען דורך א OMNY אקאונט, אז איר זאלט זיך קיינמאל נישט דארפן נאכאמאל זארגן וועגן א נידריגע באלאנס.

### 30. באקום איך די רייזע קאסטן באגרעניצונג מיט מיין Fair Fares NYC OMNY Card (FFOC)?

יא. אויב איר נעמט 12 באצאלטע רייזעס אין א 7-טעג צייט אפשניט נוצנדיג די זעלבע FFOC, דאן וועלן די איבעריגע רייזעס פון די זעלבע וואך אויטאמאטיש זיין אומזיסט. איר דארפט נוצן אייער FFOC פאר יעדע איינציגסטע באצאלטע רייזע. איר דארפט אויך נוצן אייער קארטל ביי טראנספער׳ס, אבער עס ווערט נישט גערעכנט אלץ טייל פון די 12 באצאלטע רייזעס וויבאלד א טראנספער איז אומזיסט.

גייט צוריק ארויף

**31. זאל איך עפענען אן OMNY אקאונט?**

יא. טראץ דעם וואס עס איז פרייוויליג, איז א OMNY אקאונט פארזיכערט און ערלויבט אייך:

- נאכפאלגן אייער פארשריט צו דערגרייכן די 7-טעג רייזע-קאסטן באגרעניצונג,
- אנפילן אייער קארטל,
- אויסוועלן די מיטל פון באצאלן,
- באקומען מעלדונגען וועגן די אקאונט,
- זאפארט איינפרירן אייער קארטל אויב עס ווערט פארלוירן אדער גע'גנב'עט,
- און נאך!

זיך איינצושרייבן פאר אן OMNY אקאונט, ביטע גייט צו https://omny.info/register.

אויב איר דארפט הילף מיט זיך איינשרייבן פאר אן OMNY אקאונט, פארבינדט זיך מיט OMNY קאסטומער סערוויס דורך רופן **877-789-6669**.

גייט צוריק ארויף

**32. וואס זאל איך טון אין פאל וואס עס איז גענומען געווארן פון מיר די פולע רייזע-פרייז אנשטאט די דיסקאונט-רייזע-פרייז?**

קוקט נאך אייער Access HRA אקאונט צו זען אויב איר זענט נאך איינגעשריבן אינעם פראגראם. אויב איר זענט נאכאלץ איינגעשריבן, ביטע רופט **311** פאר הילף.

גייט צוריק ארויף

**33. ווען זאל איך רופן אויב איך האב א פראגע וועגן א באצאלונג אויף מיין OMNY קארטל (אויסער וועגן גענומען ווערן די פולע רייזע-פרייז)?**

פארבינדט זיך מיט OMNY קאסטומער סערוויס דורך רופן **877-789-6669**.

גייט צוריק ארויף

## פארלירן בארעכטיגקייט

**34. איך האב באקומען א מעלדונג אז מיין איינשרייבונג ענדיגט זיך ווייל איך בין מער נישט בארעכטיגט. איך האלט אז עס איז געווען א גרייז. מיט וועם קען איך רעדן?**

איר קענט פארלירן אייער בארעכטיגקייט אויב איר קומט מער נישט נאך די בארעכטיגטקייט פאדערונגען. איר קענט באזוכן nyc.gov/accessfairfares צו זען די סיבה פארוואס איר זענט מער נישט בארעכטיגט.

די מעלדונג וואס איר האט באקומען ערקלערט פארוואס איר זענט נישט בארעכטיגט פאר Fair Fares NYC און די דאטום אייער דיסקאונט ענדיגט זיך. נאך דעם דאטום וועלן אלע רייזעס וואס ווערן גענומען מיט אייער FFOC ווערן גערעכנט די פולע רייזע-פרייז.

אויב האלט איר אז מיר האבן געמאכט א גרייז, ביטע באזוכט א Fair Fares NYC אפיס, אדער רופט **311** צו בעטן פאר א איבערזיכט פון אייער אפליקאציע.

גייט צוריק ארויף

**.35 ווי לאנג דארף איך פארלאנגען א איבערזיכט פון מיין בארעכטיגקייט באשטימונג?**

איר מוזט פארלאנגען א איבערזיכט אינערהאלב 14 טעג פון באקומען דעם מעלדונג אז אייער איינשרייבונג ווערט זיך ענדיגן. אויב הערן מיר נישט פון אייך, דאן וועט אייער דיסקאונט זיך ענדיגן אויפ'ן דאטום אנגעצייכנט אין אייער מעלדונג.

גייט צוריק ארויף

**.36 וואס פאסירט אויב איך באקום א מעלדונג אז מיין Fair Fares NYC דיסקאונט וועט זיך ענדיגן צוליב אומריכטיגע באנוץ אדער אומגעזעצליכע אקטיוויטעט?**

די ערשטע מאל וואס אייער קארטל ווערט אומריכטיג באנוצט אדער האט געטון אומגעזעצליכע אקטיוויטעט, וועט אייער Fair Fares NYC דיסקאונט ווערן סוספענדירט. אויב האט איר א Fair Fares NYC OMNY קארטל, וועט עס צוריקגיין צום פולע רייזע-פרייז. איר וועט פארלירן בארעכטיגקייט פאר Fair Fares NYC, און איר וועט נישט קענען אנטיילנעמען אין Fair Fares NYC פאר 60 טעג. איר דארפט זיך ווידער איינגעבן נאך 60 טעג זענען אריבער, און איר דארפט נאכאמאל ווערן געפינען בארעכטיגט פאר Fair Fares NYC. די צווייטע מאל וואס אייער קארטל ווערט אומריכטיג באנוצט אדער האט געטון אומגעזעצליכע אקטיוויטעט, וועט איר ווערן אום-קוואליפיצירט אויף אייביג פון אנטיילנעמען אינעם פראגראם און אייער דיסקאונט וועט זיך ענדיגן. איר קענט רופן **311** אויב איר האט פראגעס.

גייט צוריק ארויף

<u>**פארלוירענע, גע'גנב'טע אדער געשעדיגטע קארטלעך**</u>

**.37 וויפיל מאל קען איך ערזעצן מיין פארלוירענע אדער גע'גנב'טע Fair Fares NYC OMNY קארטל?**

Fair Fares NYC וועט ערזעצן אייער פארלוירענע, גע'גנב'טע, אדער געשעדיגטע קארטל בלויז איין מאל פאר יעדע איינשרייבונג יאר.

**.38 וואס זאל איך טון אויב מיין Fair Fares NYC OMNY קארטל ווערט פארלוירן, גע'גנב'עט אדער געשעדיגט?**

לאג'ט אריין צו אייער Fair Fares אקאונט אויף [nyc.gov/accessfairfares](nyc.gov/accessfairfares) און קליקט אויף 'באריכט FFNYC OMNY קארטל פארלוירן, גע'גנב'עט אדער געשעדיגט'. פאלגט אויס די אנווייזונגען וואס שטייט אויף די סקרין.

איר קענט אויך רופן **311**. איינמאל אייער באריכט ווערט ערהאלטן, וועט איר באקומען א נייע Fair Fares NYC OMNY קארטל אינעם פאסט אין 2 ביז 3 וואכן, ווי לאנג איר זענט נאך בארעכטיגט.

אויב האט איר ערשט באריכטעט אייער קארטל צו OMNY אין אייער OMNY אקאונט אדער אויפ'ן טעלעפאן, דארפט איר נאכאמאל באריכטן אייער קארטל צו Fair Fares צו באקומען א נייע.

גייט צוריק ארויף

**39. וויאזוי פיר איך אריבער מיין געלט צו מיין נייע קארטל?**

איר קענט אריבערפירן אייער געלט פון אייער פארלוירענע, גע'גנב'עטע, אדער געשעדיגטע קארטל צו אייער נייע Fair Fares NYC OMNY קארטל דורך רופן OMNY קאסטומער סערוויס אויף **877-789-6669**. איר מוזט צושטעלן אייער אימעיל אדרעס וואס איז פארבינדן מיט אייער OMNY אקאונט. אויב האט איר נישט קיין OMNY אקאונט, מוזט איר צושטעלן די קארטל נומער אדער די טראנזיט אקאונט נומער פון די פארלוירענע OMNY קארטל. איר קענט טרעפן די טראנזיט אקאונט נומער אין אייער Access HRA אקאונט אדער דורך רופן **311**.

עס איז נישט פארהאן קיין צוריקצאל פאר פארלוירענע אדער גע'גנב'עטע OMNY קארטלעך. בלויז געלט אריבערפירונג.

[גייט צוריק ארויף](#)

## באנייאונג

**40. ווי אפט דארף איך באנייען מיין Fair Fares NYC איינשרייבונג?**

איר דארפט באנייען אייער Fair Fares NYC איינשרייבונג איין מאל א יאר. איר דארפט זיין בארעכטיגט פאר די פראגראם אין יענע צייט כדי צו קענען באנייען אייער Fair Fares NYC דיסקאונט.

[גייט צוריק ארויף](#)

**41. וויאזוי קען איך באנייען מיין Fair Fares NYC איינשרייבונג?**

לאג'ט אריין צו אייער אקאונט אויף [nyc.gov/accessfairfares](https://nyc.gov/accessfairfares) צו באנייען אייער Fair Fares NYC איינשרייבונג, נאך וואס איר באקומט א מעלדונג צו באנייען פון Fair Fares. טוט דאס כאטש 30 טעג איידער די ענדע פון אייער איינשרייבונג כדי צו פארמיידן א לאך אין אייער דיסקאונט.

[גייט צוריק ארויף](#)

**42. וועל איך ווערן געמאלדן ווען איך דארף באנייען?**

יא. מיר וועלן אייך שיקן א בריוו און טעקסט מעלדונג ווען עס איז צייט פאר אייך צו באנייען. מיר וועלן נוצן די פאסט אדרעס וואס איר האט געגעבן פאר Fair Fares NYC. איר קענט איבערקוקן אייער Fair Fares NYC היים-בלאט סיי ווען פאר אפדעיטס און דעדליינס.

[גייט צוריק ארויף](#)

**43. איז דא א דעדליין פאר באנייען?**

יא. די באנייאונג מעלדונג וועט וויזן אייער דעדליין צו באנייען. אויב איר באנייט נישט איידער דעם דעדליין, דארפט איר אריינגעבן א נייע אפליקאציע. קוקט איבער אייער Fair Fares NYC אקאונט פאר אינפארמאציע וועגן אייער איינשרייבונג.

[גייט צוריק ארויף](#)

**.44 וואס פאסירט אויב איך פארפאס די דעדליין צו באנייען?**

אויב איר פארפאסט אייער באנייאונג דעדליין, וועט איר דארפן אריינגעבן א נייע אפליקאציע. דאס וועט פאראורזאכן א צייטווייליגע אפשטעל אויף אייער דיסקאונט. בשעת וואס אייער אקאונט איז צייטווייליג סוספענדירט, וועט אייער Fair Fares OMNY קארטל ווערן גערעכנט די פולע רייזע-פרייז אויב איר רייזט מיט עס. אייער דיסקאונט וועט זיך צוריק אנפאנגען ווי נאר איר באנייט אדער געבט זיך ווידער איין, און אייער אפליקאציע ווערט באשטעטיגט.

[גייט צוריק ארויף](#)

**.45 וויאזוי ווייס איך אויב איך בין נאך אלץ קוואליפיצירט פאר Fair Fares NYC?**

באזוכט nyc.gov/nycha צו זען אויב איר זענט בארעכטיגט. איר דארפט נאך אלץ נאכקומען די Fair Fares NYC בארעכטיגקייט פאדערונגען צו באנייען אייער Fair Fares NYC פראגראם איינשרייבונג.

[גייט צוריק ארויף](#)

**.46 וויאזוי קען איך אפדעיט'ן מיין אדרעס, אדער סיי וועלכע אנדערע אינפארמאציע וואס האט זיך געטוישט אין די לעצטע יאר?**

איר קענט אפדעיט'ן אייער פאסט אדרעס אנליין סיי ווען דורך אייער אנליין אקאונט. איר קענט אפדעיט'ן אנדערע פראפייל אינפארמאציע ווען איר געבט אריין אייער באנייאונג אויף nyc.gov/fairfares. איר קענט רופן **311** צו אפדעיט'ן אייער פאסט אדרעס.

[גייט צוריק ארויף](#)

**.47 וואס איז אויב מיין נייע אדרעס איז נישט אין ניו יארק סיטי?**

בלויז ניו יארק סיטי איינוואוינער זענען בארעכטיגט פאר Fair Fares NYC.

[גייט צוריק ארויף](#)

**.48 וועלכע דאקומענטן דארף איך אריינגעבן מיט מיין באנייאונג אפליקאציע?**

ביטע קוקט איבער די Fair Fares NYC פארגעשלאגענע דאקומענטן ליסטע אויף nyc.gov/site/fairfares/faq/faq.page

[גייט צוריק ארויף](#)

**.49 וועל איך באקומען א נייע Fair Fares NYC OMNY קארטל ווען איך באניי?**

איר וועט ווייטער נוצן די Fair Fares NYC OMNY Card (FFOC) וואס איז געווארן געשיקט צו אייך אויסער אויב קארטל איז פארלוירן אדער גע'גנב'עט, אדער אייער קארטל גייט באלד אויסלויפן. אייער FFOC וועט זיך האלטן פאר יארן.

[גייט צוריק ארויף](#)

**50. ועל איך קענען ווייטער נוצן מיין יעצטיגע Fair Fares NYC דיסקאונט איינמאל מיין באנייאונג אפליקאציע ווערט באשטעטיגט?**

יא. איר וועט קענען ווייטער נוצן אייער יעצטיגע Fair Fares NYC דיסקאונט ביז אייער איינשרייבונג לויפט אויס (איר זענט מער נישט בארעכטיגט). אפילו ווען אייער איינשרייבונג לויפט אויס, קענט איר ווייטער נוצן אייער OMNY קארטל צו צאלן די פולע רייזע-פרייז.

[גייט צוריק ארויף]

## אויסגעלאפענע קארטלעך

**51. וויאזוי קען איך וויסן ווען מיין Fair Fares NYC OMNY קארטל לויפט אויס?**

די אויסלויף דאטום איז אויף די אונטערשטע זייט פונעם קארטל.

[גייט צוריק ארויף]

**52. וואס פאסירט אויב מיין Fair Fares NYC OMNY Card (FFOC) וועט אויסלויפן אין ווייניגער ווי 30 טעג?**

אייער FFOC האט א לענגערע אויסלויף דאטום און וועט זיך האלטן פאר מער יארן. איר זאלט ווייטער נוצן אייער קארטל ביז עס לויפט אויס. אויב איר זענט נאך אלץ איינגעשריבן אין די פראגראם און אייער יעצטיגע FFOC גייט באלד אויסלויפן, וועט FFNYC אויטאמאטיש ארויסשיקן אין די פאסט א נייע קארטל אומגעפער 30 טעג איידער אייער יעצטיגע קארטל לויפט אויס. ווען איר באקומט אייער ערזעצטע FFOC, קענט איר אריבערפירן די געלט פון אייער אויסגעלאפענע קארטל צו אייער נייע FFOC קארטל דורכן זיך פארבינדן מיט OMNY קאסטומער סערוויס אויף **877-789-6669**.

[גייט צוריק ארויף]

**53. קען איך נוצן אן אויסגעלאפענע Fair Fares OMNY Card (FFOC) ווען עס איז נאך דא געלט אויף דעם?**

ניין. אייער FFOC וועט נישט ארבעטן נאך די אויסלויף דאטום. ווען אייער קארטל לויפט אויס, קענט איר אריבערפירן די געלט צו אייער נייע קארטל דורך זיך פארבינדן מיט OMNY קאסטומער סערוויס אויף **877-789-6669**.

[גייט צוריק ארויף]

**ביטע רופט 311 אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס וועגן די Fair Fares NYC פראגראם. איר קענט אויך באזוכן [nyc.gov/fairfares] פאר מער אינפארמאציע איבער די Fair Fares NYC פראגראם.**